פרשת נצו"י
Aug. 30 2026

19



# קיפקע

שכונת ויואל משה

דיין לאקאלער צירקל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282



# שכן צו שכן

א גוטן. בנוגע די נושא פון פארקינג וואס אייער האט געשריבן פאריגע וואך דא אין קופקע, מוז מען דאס צוטיילן אין צוויי חלקים. איינער האט דא געשריבן וועגן פארקינג, אבער מען דארף פארשטיין אז דאס זענען צוויי באזונדערע זאכן: דער ערשטער איז דאס פארקן אויף א פריוואטע פארקינג ספעיס. דא קומט טאקע אריין פארשידענע שאלות און שיעורים אין הלכה, ווי למשל אויב עס איז דא א חזקה אויף פארקינג, אויב ביים קויפן א דירה קומט עס אויטאמאטיש אינאיינעם מיט די פארקינג. דאס איז איין חלק.

דערנאך איז דא א צווייטע זאך: ווען מען פארקט פארנט פון די גארבעדזש, אדער מען פארקט דארט וואו מען דארף אריבערקראסן די ווייסע ליין. דאס וואס מען פארקט פארנט פון די מעיל-באקסעס איז ממש געפערליך; עס איז נישטא קיינער וואס זאל זאגן אז מען מעג דארט פארקן. אין אסאך בילדינגס האט מען שוין געהאט אסאך שאדנס צוליב דעם וואס מענטשן האבן געפארקט וואו מען טאר נישט. למשל, איך האב אמאל געהאט א שאדן ווען איך האב געדארפט באקומען א וויכטיגע זאך אין די פאסט, אבער איינער האט געפארקט פארנט פון די מעיל-באקס און די פאסט איז נישט אנגעקומען. שפעטער האב איך אויסגעפונען אז דער מעיל-מען איז טאקע דארט געווען, אבער אזוי ווי ער האט געזען אז א קאר פארקט ביי די מעיל-באקס, האט ער אראפגעווארפן אלע ענוועלאופס אויף די ערד און איז געגאנגען ווייטער.

דערפאר דארף מען דאס צוטיילן: עס איז דא פארקן וואו מען מעג זיכער. עס איז דא פארקן אין א פלאץ וואו עס איז דא א תקנה/מודעה דערקעגן, אדער וואו עס איז פשוט נישט קיין מענטשליכקייט צו פארקן.

יא, א גוטן. ביטע ארייגלייגן מיין מעסעדזש ביי "פון שכן צו שכן".

צוויי זאכן. איינס, וויל איך מיר מורא'דיג שטארק באדאנקן פאר דער וואס האט אריינגעלייגט די אינסטראקשענס וויאזוי צו פיקסן די סינק אין קאך וואס די פייפ הענגט אראפ. איך האב שוין געפלאנט א לאנגע שטיק צייט - האבנדיג דעם פראבלעם - צו קויפן א נייע פאר אלע סינקס פאר א פאר הונדערט דאלער. איך האב אבער נישט געהאט קיין איבריגע דאלער, האב איך עס נישט געטון. אבער יעצט, גלייך נאך ליינען דעם בריוו, האב איך עס געפיקסט אין צען סעקונדעס, ברוך השם.

צווייטנס, אויב איינער ווייסט וואס איז די רולס מיט די בעריקעידס, ווער קען יא האבן בעריקעידס אויפ'ן ראוד, ווער נישט, וואס זענען די פאליסיס? יישר כח.

ביטע ארייגלייגן מיינע ווערטער ביים שכן צום שכן.

לכבוד די חשובה שכנים שיחי', דא אין קרית יואל, בפרט אין שכונת ויואל משה, זענען די גרויסע בנינים אויסגעשטעלט אזוי אז א לאנגע געביידע פון בערך 250 פיס האט נאר איין אדרעס נומער אויפ'ן בילדונג.

אסאך מאל איז זייער שווער צו געפינען א ספעציפישע יוניט (# unit), וויבאלד נישט יעדער ווייסט ווי אזוי די יוניט נומערן ארבעטן. דעליווערי מענטשן ווייסן אפטמאל נישט וואו אראפצולייגן די חפצים, און קאר סערוויס דרייווערס ווייסן נישט וואו צוווארטן. איך האב אפילו שוין צוגעזען פעלער וואו הצלה האט נישט געוואוסט פונקטליך וואו אריינצוגיין.

איך האב געטראכט אז מען קען צוטיילן יעדע בילדינג, למשל: אויף די לינקע זייט זאל מען לייגן אן A מיט א פייל צום לינקס (A->), ביי די לינקע פארענט אריינגאנג א B, ביי די רעכטע פארענט

# DON'T FREEZE!

## Instead, get more freezer space.



**Freeze.
It's a breeze.**

We won't describe what cooking without freezer space looks like. You know. Get your freezer and get cooking for Yom Tov.

**NOW ONLY**
**$699.00**
**20 Cubic**

**Brooklyn Showroom:**
**718.387.8660**
162 Wallabout St. Brooklyn, NY 11206
brooklyn@swappliances.com

**Upstate Showroom:**
**845.777.8660**
101 Carpenter Pl. Monroe, NY 10950
upstate@swappliances.com

S&W appliances





## OUR SHOWROOM HAS ONE ADDRESS: *YOURS.*

No guessing if it will fit, shine bright enough, or match. Our expert brings the showroom to your home, so you choose once and choose right.

Servicing Monsey, Monroe & the Catskills

**845-394-5885**
sales@breezelightingusa.com

BREEZE LIGHTING

# שכן צו שכן

ארײנגאנג א C, און אויף די רעכטע זייט א D מיט א פייל צום רעכטס (D<-).

ווען מען רופט אן אנדערן אדער ווען מען שרייבט אדרעסן אויף שמחה-צעטלעך, וועט מען קענען צושרייבן "Side A" וכדומה. אזוי אויך זאל מען ארויפשטעלן די בילדינג נומער העכער די אותיות ABCD. אזוי ווי מען טוט יעצט אין פעיס 3 (Phase 3), וועט עס בעזרת השם זיין א גרויסע הילף פאר יעדעם איינעם.

הצלחה רבה!

בנוגע דעם לעצטן בריוו פון פאריגע וואך, וואו איינער שרייבט וועגן די "נאו פארקינג" סיינס וואס מען לייגט ארויס און ער באקלאגט זיך דערויף, טענה'נדיג אז יעדער האט שוין פון פאראויס געוואוסט אז עס וועלן זיין פארקינג פראבלעמען און מען מעג פארקן אביסל ווייטער ארויף.

יעצט איז אזוי: מיט זיין ערשטע נקודה, אז מען האט געוואוסט אז עס וועלן זיין פראבלעמען מיט פארקינג, דיסעגרי איך טאטאל. ווען איך האב געקויפט דאס הויז, איז געשטאנען זייער קלאר אז יעדער האט א פארקינג פלאץ; מען האט עס קלאר געזאגט און קיינער האט קיינמאל נישט געהאלטן אנדערש.

וואס עס איז דא געשען איז, אז מען האט געבויט שולן און אנדערע זאכן. יעדער ווייסט אז דאס איז עפעס וואס מען האט נישט געוואוסט פון פאראויס; זאכן האבן זיך פשוט געטוישט. דאך גיט עס נאך אלץ נישט קיין שום רעכט צו פארקן דארט. איך ווייס נישט וואס ער וויל מיט זיין הלכה'דיגע טענה וועגן תלמידי חכמים, אבער א מענטש האט באצאלט געלט פאר א הויז מיט א פארקינג. עס איז פשוט נישט קיין מענטשליכקייט צו פארקן אויף יענעם'ס פלאץ - איך גיי אפילו נישט אריין אין די הלכה - בפרט ווען עס שטייען נומערן אדער סיינס.

ער קען פארקן אביסל ווייטער ארויף; ער מוז נישט זיין דער וואס פארקט דוקא דארט, און זיכער נישט בלאקן די גארבעדזש קאנטעינערס, אזוי אויך פונקט ווען דער פאסט-טרעגער דארף קומען, וואס דאס פאראורזאכט גרויסע פארלוסטן אין צייט און געלט במלוא מובן המילה. עס איז געווען אום פסח צייט - איך קען עס דיר זאגן פערזענליך - ווען מען האט געפארקט אין אזעלכע פלעצער וואו מען טאר נישט, איך האב געהאט גרויס שאדן דערפון.

די גאנצע טענה אז עס איז מותר, און אז מיר זענען באקריוודעט און מען מעג טון וואס מען וויל, האט נישט קיין הענט און קיין פיס. די מענטשן וואס וואוינען דא טאג און נאכט דארפן זיכער נישט ליידן דערפאר. ווען עס איז דא א שמחה פארשטייט יעדער איינער אז עס איז נארמאל, מען פארקט אביסל מער, עס איז אקעי, מען גייט דאך באלד אוועק. אבער ווען איינער קומט אינדערפרי אין שול אדער סיי ווען, און ער זעט נומערן אדער א סיין און ער מאכט זיך נישט וויסנדיג - איך גיי נישט אריין אין די הלכה, איך בין נישט קיין דיין - אבער קיין מענטשליכקייט איז עס זיכער נישט. יעדער פארשטייט אז דער וואס וואוינט דא דארף האבן וואו צו פארקן, און טאקע דערפאר איז מען אהערגעקומען און מען איז נישט געבליבן וואוינען אין וויליאמסבורג.

דער אמת איז, עס איז קלאר געשטאנען אינעם קאנטראקט, לויט ווי איך געדענק, אז עס גייט זיין פארקינג פאר יעדן איינעם; קיינער האט עס נישט באהאלטן. און דאס וואס עס האט זיך אויסגעשטעלט אז דער מצב איז געווארן טייטער, מיינט נאך נישט אז מען דארף ארויסנעמען די "הלכה'דיגע" זאך פונעם קלאזעט און זאגן: "אט, עס איז טייט, מען קען עמטליך טון אוממענטשליכע זאכן." דאס איז זיכער נישט קיין מהלך.

איך האב זייער געוואלט אז מען זאל ארײנלייגן מיינע ווערטער אין "שכן צו שכן". יישר כח, זייט געבענטשט און אלעס גוט.

פאר די דיסקאונט אויף אייער יוטיליטי ביל, ביטע רופט 845-774-5085


בס"ד
אייער פריינט
תושב השכונה
FINE TOUCH
EREV YOM TOV
Special
FRONT HAIRLINE
10 SESSIONS
FOR ONLY $499
FRONT & BACK HAIRLINE
10 SESSIONS
FOR ONLY $599
SIGN UP BEFORE YOM TOV
to lock your deal.
Featuring the Candela GentleMax Pro
the most advanced technology.
Advanced technology for precise, effective
hair removal with superior comfort.
Smoother skin. Lasting results.
ADVANCED TECHNOLOGY
LASTING RESULTS
CANDELA
12 Beer Sheva
Unit 113
F. Weinberger
718.866.5748
FINE TOUCH
ENHANCE YOUR NATURAL BEAUTY.
Feel your best.

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה?

אויב מען זעעט א בענקל אויף די גאס, נישט נעבן איינעמס טיר אדער הויז. מעג מען זיך אראפזעצן דערויף אדער נישט? עס איז דאך טאקע איינעמס פרייוואט, אבער אפשר ווי באלד עס ליגט פאבליק מען מען עס נוצן?

## תשובה!

ענטפער: אויב מען ווייסט אז דער אייגענטומער האט דאס דארט געלייגט [אין א פובליק פלאץ], איז ער מסכים אז אנדערע זאלן דאס נוצן ווען ער נוצט דאס נישט. [פארשטייט זיך אז מ'טאר דאס נישט אוועקטראגן פון דעם פלאץ].

קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער
845.512.5555
carsafe

בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.
845.666.8455
swifly
On Demand Messenger


MAY YOUR YEAR BE AS
beautiful
AS YOU ARE.
אייער פריינט
תושב השכונה
L'OREAL PARIS
VOLUMINOUS LASH PARADISE
STATIC
glamour gloss
shana tova.
FINE TOUCH
718.866.5748
12 Beer Sheva, Unit 113
Free Delivery
F. Weinberger
STATICCOSMETICS@GMAIL.COM • STATICCOSMETICS • STATICMAKEUP.COM
בהשגחת טארטיקוב
TARTIKOV
Rabbi Yechiel Babad
TARTIKOV
KASHRUS




**FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING**
**INCLUDING MOTZI SHABBOS UNTIL 11:00 PM***

**Blooming Grove**
**PHARMACY**
— *Caring with Passion*

**Call/Text/WA 845.775.4175**
Fax 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun – Thurs 9 AM – 9 PM
Friday 9 AM – zman
**Motzi Shabbos zman till 11:30 PM**

★ Prescriptions coming in after 11:00 PM on Motzi Shabbos will be delivered Sunday morning.



**PICK IT UP WITHOUT THE WAIT!**
Come in and get it – we'll have it ready for you!





# סופר סת"ם
ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

יואל מארקאוויטש
845-324-0063
תושב שכונות ויואל משה



Sweet Savings
gesheft
Find our flyer with exciting
Yom Tov Specials in the mail
gesheft
א זיס יאר!
וואונטשט ״געשעפט״
33 Dinev Rd
845.244.9666
orders@gesheftkosher.com
www.gesheftkosher.com


אייער פריינט
תושב השכונה
ס'פליט שוין!
ביי משפחות
פילעפף
6 BEER
SHEVA ST
#302
8457991416
Call or Text
3475850690
New
Start crafting today!
The Sukkah Star
845-492-2071 - Craft10950@gmail.com



# ווערטער און געדאנקען

אויפן "תורתך שעשועי" שיעור

**מא) אם אינו יודע שהמפתח במקומו, אינו עירוב**

חז"ל זאגן אונז אין מסכת תענית: "שלשה מפתחות בידו של הקב"ה, שלא נמסרו ביד שליח" דער מפתח פון גשמים, דער מפתח פון לידה און דער מפתח פון תחיית המתים.

חז"ל לערנען אונז א וויכטיגן יסוד אין לעבן. א מענטש דארף טון זיין השתדלות, ארבעטן און זיך אנשטרענגען, אבער דער אמת'ער מפתח פון הצלחה איז נישט אין זיינע הענט. דער מפתח פון פרנסה, הצלחה, געזונט און נאך אזויפיל זאכן איז ביי הקב"ה.

קען מען אפשר טייטשן די משנה דא, "המפתח במקומו". דער "מקומו" איז הקב"ה, וואס ווערט אנגערופן "מקומו של עולם". אויב א מענטש גלייבט אזוי, האט ער א זיס לעבן. אויב אבער א מענטש "אינו יודע שהמפתח במקומו", אויב ער פארלאזט זיך נישט אז דער מפתח איז ביי הקב"ה, איז ער אלעמאל באזארגט "אינו עירוב" האט ער נישט קיין זיסע לעבן.

**מב) שרצו להחמיר על עצמן**

מען קען מיט דעם פארשטיין די באוואוסטע מאמר פון ירושלמי": "רשע ערום, ר' זריקן בשם רב הונא זה שהוא מורה קלות על עצמו וחמורות לאחרים". די אמת'ע חומרא איז נישט ווען מען איז מחמיר פאר א צווייטן. די אמתע חומרא איז ווען זיך אליין נעמט אויף זיך מער, כדי צו זיין נאנטער צום אויבערשטן. אויף זיך יא. אויף יענעם נישט.

"שרצו להחמיר על עצמן" די צוויי ווערטער אליין לערנען אונז: אויף זיך קען מען זיין מחמיר; יענעם דארף מען נישט מחמיר מאכן.

**מג) נתנו במגדל ואבד המפתח**

די משנה דערמאנט די באקאנטע מעשה פון רבינו גרשום מאור הגולה, ווען מען האט אים אריינגעזעצט אין א טורמע און אוועקגעווארפן דעם שליסל. דאס איז טאקע געווען די סיבה וואס האט צוגעברענגט אז רבינו גרשום זאל מתקן זיין דעם באקאנטן חרם, אז א איד טאר נישט חתונה האבן מיט צוויי ווייבער.

עס האט זיך אנגעהויבן ווען דער קעניג האט פארלאנגט פונעם הייליגן רבינו גרשום זאל אים אויפבויען א הערליכן טראן, פונקט ווי דער שטול פון שלמה המלך. רבינו גרשום האט אים געענטפערט אז ער קען דאס באווייזן, און ער האט טאקע אהערגעשטעלט א מורא'דיגע שיינעם שטול געמאכט פון לויטער זילבער.

אבער דער קעניג האט געהאט א ספק אויב די גאנצע מאס זילבער וואס ער האט געגעבן איז טאקע אריין אינעם שטול. דארט איז געווען א גלח, א גרויסער שונא ישראל, וואס האט נאר געזוכט א געלעגנהייט אונטערצוצינדן און באשולדיגן רבינו גרשום אז ער האט צוגע'גנב'עט פונעם זילבער פאר זיך אליין.

דער קעניג האט געלאזט רופן רבינו גרשום און אים געפרעגט: "זאג מיר, ווייסטו אפשר א עצה ווי אזוי מען קען אפוועגן דעם גאנצן שטול גאנצערהייט?"

רבינו גרשום האט גלייך געכאפט אז מען וויל אים דא אריינכאפן אין א פלאנטער. ער האט געוואוסט אז עס איז זיכער נעלם געווארן אביסל זילבער בשעת'ן שמעלצן די זילבער, דערפאר האט ער געענטפערט פארן קעניג אז ער ווייסט נישט קיין עצה דערצו.

דער רשע, דער גלח, האט דעמאלט אויסגעפלאנט א שטיק; ער האט אונטערגעשטעלט א פרוי זי זאל חתונה האבן מיט רבינו גרשום אלס א צווייטע ווייב. אזוי ארום האט ער געהאט א נאנטע פארבינדונג מיט איה, און ער האט איר איבערגערעדט זי זאל ארויסבאקומען דעם סוד פון איר מאן. זי האט טאקע אנגעהויבן באדערן מיט שאלות, ביז רבינו גרשום - אן וויסן וואס פארא ביטערע פלאן דא קאכט זיך אונטער זיין רוקן - האט איר אויסגעזאגט דעם סוד ווי אזוי מען קען דאס באווייזן.

מען נעמט א שיף און מען מאכט א פונקטליכע צייכן ביז וואו די שיף זינקט איין אין וואסער. נאכדעם לייגט מען ארויף דעם שטול און מען קוקט נאך וויפיל טיפער די שיף זינקט איין צוליב די וואג. דערנאך נעמט מען עס אראפ און מען פילט אן די שיף מיט שטיינער, ביז די שיף זינקט איין פונקט אזוי טיף ווי ווען דער שטול איז געווען דערויף. די

THE COMMUNITY'S ORIGINAL TELEHEALTH PRACTICE
SINCE 2015

# 3 סטעפס צו שפירן בעסער



רוף
אריין
רעפיד
קער



רעפיד
קער שיקט
אראפ א
ספעציאליסט



נאקן! נאקן!
רעפיד
קער איז
ביים טיר

**RapidCare is here for you all year round.** Every season brings its own challenges, but your care should always be simple. With RapidCare, a trained technician comes directly to you, performs the necessary tests, and connects you with one of our providers through a secure telehealth visit.

RapidCare TELEHEALTH

Betzalel Rabinowitz, NP
718.483.9555
WE BILL YOUR INSURANCE
NO OUT OF POCKET COSTS!

STREP TEST | FLU TEST | COVID TEST | RSV TEST | SEASONAL ALLERGIES | EAR CHECKS | PRESCRIPTIONS

SERVICING: MONSEY \ NEW SQUARE \ KIRYAS YOEL \ BORO PARK \ FLATBUSH \ MT. KISCO

ZURECH 347.765.7824



OUR SHOWROOM HAS ONE ADDRESS: YOURS.

No guessing if it will fit, shine bright enough, or match. Our expert brings the showroom to your home, so you choose once and choose right.

Servicing Monsey, Monroe & the Catskills
845-394-5885
sales@breezelightingusa.com
BREEZE LIGHTING

# ווערטער און געדאנקען



אויפ'ן "תורתך שעשועי" שיעור

שטיינער וואס מען האט אריינגעלייגט וועגט מען נאכדעם אפ, און זייער וואג ווייזט פונקטליך וויפיל דער שטול וועגט.

די פרוי האט דאס דערציילט פארן גלח, און דער סוד איז שנעל נתגלה געווארן. מען האט אפגעוואויגן דעם שטול, און דער גלח האט שוין געזען זיין געלעגנהייט נקמה צו נעמען אין רבינו גרשום.

דער קעניג האט אבער נישט געהאט קיין עכטע קלארע באווייזן אז רבינו גרשום האט טאקע געגנב'עט, דעריבער האט ער אים נישט געקענט פאראורטיילן אויף א געהעריגן אופן. אנשטאט דעם האט ער אים איינגעשפארט אין א טורעם (מגדל) אינמיטן מדבר, אן עסן און אן וואסער; ער האט אוועקגעווארפן דעם שליסל, און דארט האט ער ל"ע געזאלט אויסגיין.

די ערשטע ווייב פון רבינו גרשום, וואס האט אים באמת ליב געהאט, איז געקומען צום טורעם און האט זיך שטארק באקלאגט און געוויינט מיט ביטערע טרערן. ווען רבינו גרשום האט געהערט איר קול, האט ער איר געזאגט: "איך האב א וועג וויאזוי זיך ארויסצוזען פון דא.

רבינו גרשום האט איר געזאגט זי זאל אים ברענגען א תולעת (ווארים) און א חיפושית - א געוויסער קליינעם אינזעקט מיט א הארטע רוקן, צוזאמען מיט א לאנגן דינעם פאדעם און א שטארקן דיקן שטריק, זי האט אלעס צוגעברענגט.

רבינו גרשום האט געהייסן נעמען די תולעת און איר געשטעלט אונטן נעבן דעם טורעם, אויפ'ן וועג וואס פירט ארויף צום פענצטער. דערנאך האט ער געשטעלט די חיפושית הינטער איר. די חיפושית, וואס האט נאכגעיאגט די תולעת, האט אנגעהויבן ארויפצוקריכן נאך איר ביז צום פענצטער.

צו די חיפושית האט רבינו גרשום געהייסן צוגעבונדן דעם דינעם פאדעם, וועלכער איז געווען לאנג גענוג ביז אויבן פונעם טורעם, און צום צווייטן עק פונעם פאדעם האט ער צוגעבונדן דעם דיקן שטריק.

ווען די חיפושית איז אנגעקומען ביז צום פענצטער אויבן, האט רבינו גרשום אנגעהויבן צוציען דעם דינעם פאדעם. אזוי האט ער צוגעצויגן דעם דיקן שטריק ביז צום פענצטער.

דערנאך האט ער דעם שטריק גוט באפעסטיגט, ער האט זיך גלייך ארויפגעכאפט אויפן שטריק, ארויסגעשפרינגען פונעם פענסטער און אנטלאפן.

נאך די מעשה האט ער מתקן געווען די באקאנטע תקנה נישט צו נעמען צוויי ווייבער.







Congregation
YISROEL SHULEM
Kiryas Yoel
of Kehal Yetev Lev

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ביהמ"ד דקהל יטב לב דסאטמאר
ישראל שלום
קרית יואל יצ"ו

12 Be'er Sheva Road, Monroe NY | Tel. 845.774.4040 #219

# מודעה משמחת

בעז"ה גרייטן זיך מתפללי בית
מדרשינו צו פארן צום

# נסיעה התרוממות

צו די מקומות הקדושים לפעול בדבר ישועה ורחמים,
וואס וועט געפראוועט ווערן בראשות

## הגה"צ רב דבית מדרשינו שליט"א

לרגל שמחת החתונה בבית בנו
החתן הרב יחזקאל שרגא שליט"א

**ולרגל סיום מסכת בבא קמא אצל "שיעור בהירות"**
**שע"י הגה"צ הרב שליט"א בחבורת יסודי התורה**

◇◇◇

מען וועט בעז"ה ארויספארן

## דינסטאג נאכט

**פרשת חי' שרה**

כ"ג חשון למספרם Nov. 3

און זיין צוריק

## זונטאג פר' תולדות

כ"ח חשון למספרם Nov. 8

◇◇◇

א געשמאקע נסיעה! קורץ און שארף!
מלא התרוממות! וכולו עונג רוחני!

**כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך**

## הצלה קאל: OPQRST

ווי געשריבן פאריגע וואך אז די ערשטע זאך וואס אן הצלה מעמבער טוט ווען ער קומט אן אויף א קאלל איז ABC. ווען דאס איז פארזיכערט גייט מען צום נעקסטן שטאפל פון אויספרעגן דעם פאציענט וואס עס גייט פאר, וואס כדי מען זאל גארנישט איסלאזן, איז אויף יעדע זאך דא סימנים וואס מען טוט דאס דורך אויף יעדע קאלל.

ווען מען קומט אן צו א קאל און דער פאציענט באקלאגט אויף ווייטאג, איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן צו וויסן פונקטליך וואס ער שפירט און וואס ס'איז געשען. ס'איז אבער נישט גענוג בלויז צו קוקן אויפ'ן פאציענט און באשליסן לויט זיין אויסזען צי ער האט שטארקע ווייטאג. נישט יעדער מענטש וואס ליידט שטארק וועט וויינען אדער זיך אומשרייען, און פארקערט, א מענטש קען צומאל אויסקוקן זייער אנגעצויגן אפילו ווען די ווייטאג איז נישט אזוי שטארק.

דערפאר דארף דער הצלה מעמבער אויספרעגן דעם פאציענט אויף א מסודר'דיגן אופן. פאר דעם צוועק ווערט גענוצט די זעקס אותיות OPQRST. די זעקס אותיות העלפן דעם הצלה מעמבער דורכגיין די וויכטיגע נקודות און באקומען א קלארן בילד פון דעם פראבלעם אויף וואס דער פאציענט האט גערופן הצלה.

**OPQRST שטייט פאר:**

**Onset - O -** ווען און וויאזוי האט זיך דער ווייטאג אנגעהויבן?

**P - Provokes / Palliates -** וואס מאכט דעם ווייטאג ערגער אדער בעסער?

**Q - Quality -** ווי אזוי שפירט זיך דער ווייטאג?

**R - Radiates -** צי גייט דער ווייטאג ווייטער צו אן אנדער פלאץ?

**S - Severity -** ווי שטארק איז דער ווייטאג?

**T - Time -** וויפיל צייט איז שוין פארלאפן זינט דער ווייטאג האט זיך אנגעהויבן?

מיר וועלן אריינגיין אביסל עס מסביר צו זיין בעסער און קלארער, וואס וועט פארשטיין געבן ווען מען זעעט אויפ'ן הצלה קאלל דער מעמבער איז פארנומען פרעגן פראגעס, אזוי אז מען זאל פארשטיין אז דאס קומט פון א סיסטעם פון קענען האבן א קלארער בילד, ווען פרעגן די פראגעס עפענט זיך מער דער מענטש, אזוי ווייסט מען בעסער וואס מען האט און וואס מען דארף באהאנדלן אין קומעדיגע שריט.

**Onset - O: ווען האט זיך דער ווייטאג אנגעהויבן?**

די ערשטע זאך וואס מען וויל וויסן איז ווען דער ווייטאג האט זיך אנגעהויבן און ווי אזוי עס איז געקומען.

מען פרעגט דעם פאציענט: ווען האט איר צום ערשטן מאל אנגעהויבן שפירן דעם ווייטאג? האט עס זיך אנגעהויבן פלוצלינג, אדער האט עס זיך ביסלעכווייז פארערגערט?

עס איז אויך וויכטיג צו וויסן וואס דער פאציענט האט געטון אין יענע מינוטן. האט ער זיך גערוקט? אויפגעהויבן עפעס? געלאפן? געארבעט? אדער איז ער פשוט געזיצן אדער געליגן און פלוצלינג אנגעהויבן שפירן דעם ווייטאג?

א גוטער ביישפיל אז ווען א מענטש קומט ארויס פון סווימינג פול און ער האט נישט געשווימען פאר א לאנגע צייט, און ער רעדט זיך אפ אויף רוקן ווייטאג, ווייסט מען אז דאס קען לכאורה קומען פון שווימען. אבער אויב א מענטש האט פלוצלונג באקומען רוקן ווייטאג, קען דאס זיין סימנים פון הארץ פראבלעמען, שטיינער אין איינע פון די גלידער, אנפענדיקס וכדומה.

**P - Provokes / Palliates: וואס מאכט עס בעסער אדער ערגער?**

דערנאך ווילן מען וויסן אויב עפעס מאכט דעם ווייטאג מער שטערקער אדער העלפט אים פארלייכטערן.

וואס מאכט עס ערגער? וואס מאכט עס בעסער?

Congregation
**YISROEL SHULEM**
Kiryas Yoel
of Kehal Yetev Lev

נשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בהמ"ד דקהל יטב לב דסאטמאר
**ישראל שלום**
קרית יואל יצ"ו

12 Be'er Sheva Road, Monroe NY | Tel. 845.774.4040 #219

# נסיעה, שיש בו חידוש!

מען האט מסדר געווען מיט די הילף פון נדבנים
שחיו, אז מען זאל קענען קומען אויף די נסיעה
פאר די שטוינענד-ביליגע פרייז פון

# בלויז
# $1,550

## וואס איז כולל הכל בכל מכל,
## פון אנהייב ביזן סוף!

**דער פרייז איז נאר אויף א באשטימטע צאל אפליקאציעס,**
**דערנאך וועט עס קאסטן $2,550, והזריז נשכר.**

## זיך צו איינשרייבן

קען מען זיך מעלדן צו:

מו"ה ר' **משה הערש בערקאוויטש** הי"ו
**845-238-1964**

מו"ה ר' **ליפא בראך** הי"ו
**845-923-7824**

מו"ה ר' **שלמה דוד אפפענהיים** הי"ו
**845-238-4082**

ווי אויך קען מען באקומען אפליקאציעס ביים משמש.

# הצלה קאָלס

הצלה מעמבער אויפ'ן סצענע

האט איר עפעס געטון וואס האט געהאלפן?

אפשר וועט דער פאציענט זאגן אז ווען ער ליגט איז בעסער, אבער ווען ער שטייט אויף ווערט עס ערגער. אדער אפשר ווערט דער ווייטאג שטערקער ווען ער אטעמט טיף, רירט זיך, אדער דרוקט אויפ'ן פלאץ.

די אלע פרטים קענען זיין זייער וויכטיג צו וויסן אויב עס איז א מוסקעל ווייטאג צום ביישפיל, אדער אן אטעמען פראבלעים וואס ווערט בעסער אויפ'ן גאס אדער מיט א הייס פארע לופט.

**Q – Quality: ווי אזוי שפירט זיך דער ווייטאג?**

דא ווילן מיר פארשטיין וואס פארא מין ווייטאג דער פאציענט האט. איז עס פרעשור'דיג אדער שטעכדיג? ווי אזוי וואלט איר ערקלערט דעם ווייטאג? ווי אזוי פילט זיך עס?

דער פאציענט קען זאגן אז ס'איז א שטעכעדיגער ווייטאג, א ברענענדיגער ווייטאג, א קוועטש, א דרוק, ציפט, אדער עפעס אנדערש.

יעדער מענטש באשרייבט ווייטאג אנדערש, און דערפאר איז וויכטיג צו לאזן דעם פאציענט אליין מסביר זיין מיט זיינע אייגענע ווערטער, ווען יעדע סארט ווייטאג קען מיינען עפעס אנדערש.

**R – Radiates: גייט דער ווייטאג ווייטער?**

דא ווילן מיר וויסן אויב דער ווייטאג בלייבט אויף איין פלאץ, אדער אויב עס גייט ווייטער צו אן אנדערע טייל פונעם קערפער.

מען פרעגט למשל: ווייזט מיר וואו עס טוט אייך דאס מערסטע וויי. פון דארט, גייט דער ווייטאג ערגעץ אנדערש?

צומאל קען א פאציענט אנווייזן אויף איין פלאץ, אבער זאגן אז דער ווייטאג גייט פון דארט צום רוקן, צו די פלייצע, אדער צום ארעם. אזעלכע פרטים זענען וויכטיג צו וויסן. ווייל אזוי קען מען בעסער נאכקוקן וואס עס גייט פאר.

אמאל א מענטש קען זאגן אז זיין הארץ טוט וויי, אבער ער ווייזט אויפ'ן בויך, וואס יעדע זאך דארף מען אנדערש באהאנדלן.

**S – Severity: ווי שטארק איז דער ווייטאג?**

דא קומט די באקאנטע שאלה וואס מען הערט אייביג אין די מעדצינישער וועלט: פון 1 ביז 10, וויפיל איז יעצט אייער ווייטאג? 1 מיינט קיין ווייטאג בכלל, און 10 מיינט דעם שטערקסטן ווייטאג וואס דער פאציענט קען זיך פארגעשטעלן.

דא דארף דער הצלה מעמבער געדענקן א וויכטיגע נקודה: ווייטאג איז זייער פערזענליך. יעדער מענטש שפירט ווייטאג אויף זיין אייגענעם אופן. דערפאר דארף מען אננעמען דעם פאציענט'ס ענטפער ערנסט, אפילו עס זעט עס נישט אויס ווי "א צען".

נאך וואס מען האט געטון עפעס צו העלפן, איז אויך וויכטיג נאכאמאל צו פרעגן דעם פאציענט וויפיל די ווייטאג איז יעצט. אזוי קען מען זען צי ס'איז דא א פארבעסערונג, אדער אויב דער מצב טוישט זיך.

**T – Time: וויפיל צייט גייט עס שוין אן?**

די לעצטע נקודה איז צו וויסן וויפיל צייט איז שוין פארלאפן זינט דער ווייטאג האט זיך אנגעהויבן.

מען פרעגט: ווען האט זיך עס אנגעהויבן? וויפיל צייט גייט דאס שוין אן? איז עס די גאנצע צייט די זעלבע, אדער קומט עס און גייט עס?

עס קען זיין א גרויסער אונטערשייד צווישן א מענטש וואס האט געהאט א לייכטן ווייטאג פאר עטליכע טעג און א מענטש ביי וועמען דער ווייטאג האט זיך יעצט פלוצלינג אנגעהויבן.

***

OPQRST איז דערפאר נישט סתם א וועג צו געדענקען זעקס אותיות. עס איז א וועג פאר'ן הצלה מעמבער צו פירן דעם שמועס מיט'ן פאציענט און נישט פארזען אויף וויכטיגע פרטים.

נאך א וויכטיגע נקודה: מ'דארף נישט בלייבן שטעקן ביי איין פראגע פאר יעדע אות. די פראגעס זענען דער אנהייב פונעם שמועס. מען מיט יעדע סארט ענטפער קען מען גיין ברייטער צו באקומען א בעסערע בילד. דער הצלה מעמבער דארף גוט אויסהערן דעם פאציענט, נאכפרעגן ווען עפעס איז נישט קלאר, און פרובירן צו באקומען דאס קלארסטע בילד מעגליך פון וואס דער פאציענט גייט יעצט דורך.

*וואס איז נעקסטע? אי"ה קומענדיגער וואך.*

# קלאסיפייד

א משפחה שמחה דא און געגענט?
רעזערווירט אויף פאראויס. א
אויסגערישטע דירה מיט 4-5 בעטן צו
פארדינגען אינמיטן די שכונה. טאג/
וואך, אויך א 1 רום נאר שלאפן.
917-613-6622

Start the school year right! With our fun and exciting brain development exercises. Ssuccessfully improves concentration, behavior and much more.
For girls ages 8 and up. Located in SVM.
Covered by Insurance.
Please call 845.709.5097

Get your alterations done
same day service available
pls call 845.637.9797

אַ זייער וואַרעמע בעיביסיטינג,
און סיי פֿאַר Steady סיי פֿאַר
Drop-in. אין שכינת ויואל משה
ביטע on Maglenitz Street.
רופט: 845-655-9176
845-414-0653

Crops and Tahua
WE ARE ALWAYS 15% OFF!
buy 3 get 20% off
Free delivery
845.796.8798









FABRICARE

YOUR CURTAIN
CLEANING SPECIALISTS

# PROFESSIONAL CURTAIN CLEANING *Services*

We specialize in the professional cleaning of **curtains.**




**DEEP CLEANING**
Removes dust, dirt & allergens

**EXTENDS LIFE**
Helps your curtains look like new longer

**HEALTHIER HOME**
Improves indoor air quality

**EXPERT SERVICE**
Careful, reliable & professional

## SCHEDULE YOUR FREE ESTIMATE TODAY!

CONVENIENT. RELIABLE. TRUSTED.

We clean so you can *enjoy* the view.

Info@fabricareny.com | 8452135381 | fabricareny.com